

# מאשל זיך צו לערנען

## פרשת שופטים - אלול

### שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ אֲשֶׁר יִבְחַר ה׳ אֱלֹקֶיךָ בּוֹ

**אין** א ווייטן און גרויסן קעניגרייך האט אמאל געהערשט א מעכטיגער קעניג, וועמענס נאמען איז געווען באקאנט פון איין עק לאנד ביזן צווייטן. ווען מען האט נאר דערמאנט דעם קעניג, האבן מענטשן גערעדט מיט א געמיש פון יראת הכבוד און ליבשאפט, ווייל יעדער האט געוואוסט אז ער איז נישט בלויז א שטארקער הערשער, נאר אויך א קעניג וואס טראגט אויפן הארץ דעם וואוילזיין פון זיין פאלק.

**דער** קעניג האט געוואוינט אין א פראכטפולן פאלאץ אינמיטן דער הויפטשטאט, אויפן שפיץ פון א הויכן בארג, און פון דערווייטנס האט מען געקענט זען די גאלדענע שפיצן פונעם פאלאץ בלינקען אונטער די שטראלן פון דער זון.

**ארום** דעם פאלאץ האבן זיך געצויגן הויכע שטיינערנע מויערן, אייזערנע טויערן און וואך־טורעמס, וואו שומרים זענען געשטאנען טאג און נאכט. אינעווייניג זענען געווען לאנגע קארידארן באדעקט מיט טייערע טעפיכער, ריזיגע זאלן מיט גאלדענע לייכטער, קעניגליכע קנעכט און באאמטע, און טיף אינעווייניג, הינטער נאך טירן און נאך שומרים, איז געווען דער קעניגס אייגענער זאל, וואו ער האט געזעסן אויף זיין טרון און געפירט די ענינים פונעם גאנצן מלוכה.

**אין** יענעם קעניגרייך איז בכלל נישט געווען אזא זאך אז א פשוטער מענטש זאל זיך אויפהייבן און פשוט פארן צום פאלאץ מיט דער האפענונג אז מען וועט אים אריינלאזן. **ווער עס האט געוואלט זוכה זיין צו רעדן אדער בעטן עפעס ביים קעניג, האט קודם געדארפט שיקן א בריוו צום קעניגליכן ביורא, אין וועלכן ער האט געבעטן אז מען זאל אים ערלויבן צו קומען צום קעניג. אינעם בריוו האט מען געדארפט אריינשרייבן דעם נאמען, פון וועלכן שטאט אדער דארף מען קומט, און אז מען בעט א געלעגנהייט צו קענען שטיין און רעדן צום קעניג.**

**אבער** דאס אליין האט נאכנישט געמיינט אז מען האט באקומען קיין ענטפער. דער בריוו איז קודם אנגעקומען צום ערשטן ביורא, פון דארט איז ער אריבער צום צווייטן באאמטן, נאכדעם צו א העכערן שר, און נאר אויב יעדער האט געהאלטן אז די בקשה איז בכלל ווערט צו ווערן באטראכט, איז עס געגאנגען ווייטער. **דער מענטש האט געקענט ווארטן וואכן לאנג, יעדן טאג קוקנדיג אינ׳ם פאסט קעסטעל צי אפשר איז שוין אנגעקומען דעם ענטפער פונ׳ם קעניגליכען פאלאץ.**

**ענדליך**, נאך א לאנגע צייט, איז אנגעקומען א בריוו מיטן קעניגליכן זיגל. מיט ציטערדיגע הענט האט מען עס געעפנט, מיינענדיג אז אט איז שוין דא די ערלויבעניש צו קומען צום קעניג. אבער ניין. אינעם בריוו איז בלויז געשטאנען אז איידער מען קען באטראכטן זיין בקשה, דארף ער געגנוי מסביר זיין **פארוואס** ער וויל קומען צום קעניג. **וואס איז זיין ענין? פארוואס קען עס נישט ווערן ערלעדיגט דורך א לאקאלן באאמטן? פארוואס איז זיין בקשה אזוי וויכטיג אז דער קעניג אליין זאל זיך אפגעבן דערמיט? מען האט אים פארלאנגט אויסצושרייבן דעם גאנצן ענין מיט אלע פרטים און צוריקשיקן דעם בריוו צום פאלאץ.**

**דער** מענטש האט זיך ווידער געזעצט שרייבן. ער האט איבערגעשריבן זיין גאנצע צרה, פונקטליך און באריכות, מסביר געווען פארוואס ער האט שוין נישט קיין אנדערע עצה, און געבעטן מיט תחנונים אז מען זאל אים כאטש געבן אפאר מינוט צו רעדן צום קעניג. דער בריוו איז ווידער אוועקגעפארן מיטן פאסט־וואגן צום הויפטשטאט, און ווידער האט זיך אנגעהויבן דאס ווארטן. א וואך איז פארביי, צוויי וואכן, א חודש.

**און** אפילו ווען די בקשה איז ענדליך אנגענומען געווארן, האט מען נאך אלץ נישט געשריבן: "קום מארגן." **מען האט אים בלויז מודיע געווען אז זיין נאמען איז אריינגעשטעלט געווארן**

**אויף דער ליסטע פון מענטשן וועלכע ווארטן אויפ׳ן קעניגליכן רייע.**

**פאר** אים זענען שוין געווען צענדליגער אנדערע מענטשן - מיניסטארן, סוחרים, און שלוחים פון ווייטע שטעט - און יעדער האט געווארט אויף זיין רייע. אזוי האט געקענט דורכגיין נאך א חודש, און נאך איינס, ביז ענדליך, נאך חדשים פון ווארטן, איז אנגעקומען דער אזוי לאנג ערווארטעטער בריוו: **אז דעם און דעם טאג, אין דער און דער שעה, מעג ער זיך שטעלן ביים ערשטן טויער פונעם קעניגליכן פאלאץ.**

**דער** בריוו האט קלאר אנגעגעבן אז ער דארף קומען פונקט אין דער באשטימטער צייט, אנגעטון ווי עס פאסט פאר א מענטש וואס גייט אריין צום קעניג, און מיטברענגען אלע פאפירן און אלע באשטעטיגונגען. ווען ער וועט אנקומען צום פאלאץ וועט מען אים נאכאמאל אונטערזוכן ביים ערשטן טויער; פון דארט וועט ער דארפן ווארטן ביז א שומר וועט אים פירן צום צווייטן הויף; נאכדעם וועט מען איבערקוקן זיין נאמען אויף דער ליסטע; און אפילו נאכדעם קען ער נאך דארפן ווארטן שעה׳ן ביז עס וועט קומען זיין רייע ארייננצוגיין אין דעם קעניגליכן היכל.

**אזוי** איז געווען דער סדר. צו באקומען אפאר מינוט מיטן קעניג האט גענומען **חדשים פון בריוון, בקשות, ענטפערס, באשטעטיגונגען און ווארטן.** און טאקע צוליב דעם האבן רוב פשוטע מענטשן זיך אפילו נישט געוואגט אנצוהייבן דעם גאנצן פראצעדור. ווען זיי האבן נאר געטראכט פון די לאנגע וואכן און חדשים פון ווארטן, די בריוון וואס מען דארף שרייבן, די שאלות וואס מען דארף פארענטפערן, די באשטעטיגונגען וואס מען דארף באקומען און די אלע שומרים און טויערן וואס מען דארף דורכגיין, האבן זיי שוין פארלוירן דעם מוט נאך איידער זיי האבן בכלל אנגעהויבן. זיי האבן געזאגט צו זיך: **"וואס האב איך בכלל א שאנס אנצוקומען צום קעניג? איך בין דאך נאר א פשוטער מענטש."** און אזוי זענען זייערע בקשות, זייערע צרות און זייערע ווייטאגן געבליבן ביי זיי אין הארץ, אן דעם וואס זיי זאלן אפילו פרובירן זיך צו דערנענטערן צום קעניג.

**אין** איינע פון די קליינע דערפלעך, א וועג פון עטליכע טעג צו פארן פון דער הויפטשטאט, האט געוואוינט א פשוטער איד מיטן נאמען ר׳ יודל. ער האט געהאט א קליינע קרעמל ביים עק פונעם מארק, וואו ער האט פארקויפט מעל, אויל, האלץ, שטיקלעך שטאף און אנדערע זאכן וואס די איינוואוינער פונעם דארף האבן געדארפט.

**ר׳** יודל איז נישט געווען קיין גרויסער גביר, אבער יארן לאנג האט ער זיך געמוטשעט ערליך צו ברענגען פרנסה אין שטוב, אויפציען זיינע קינדער און צאלן זיינע חובות אין צייט. **יענעם יאר אבער האט זיך אלעס איבערגעדרייט. א גרויסער קונה וואס איז אים געווען שולדיג א שיינע סומע געלט איז פלוצלינג פארשוואונדן געווארן פונעם געגנט; די פרייזן פון די סחורה זענען ארויף; עטליכע וואכן איז דער מארק געווען שוואך; און צום סוף האט זיך ר׳ יודל געטראפן מיט א חוב וואס איז געוואקסן פון טאג צו טאג.**

**דער** בעל־הבית פונעם הויז האט אים שוין געווארנט אז אויב ער וועט נישט באצאלן ביזן סוף חודש, וועט ער מוזן ארויסגיין פון זיין הויז. יעדן נאכט, נאכדעם וואס די קינדער זענען שוין געשלאפן און דאס הויז איז געווארן שטיל, איז ר׳ יודל געזעסן ביים טיש מיטן קאפ צווישן די הענט, בשעת זיין ווייב האט אים מיט שרעק אנגעקוקט און שטיל געפרעגט: **"יודל, וואס וועט זיין?"** און ער האט נישט געהאט קיין ענטפער.

**איין** נאכט, נאכדעם וואס עס האט זיך שוין שעה׳ן לאנג געדרייט ביי אים אין קאפ יעדן מעגליכן עצה, האט ער זיך פלוצלינג אויפגעשטעלט און געזאגט: **"איך וועל פארן צום קעניג."** זיין ווייב האט אים אנגעקוקט מיט גרויסע אויגן, זי איז געווען זיכער אז זי האט נישט גוט געהערט. **"צום קעניג?" האט זי איבערגעפרעגט. "יא," האט ר׳ יודל געזאגט, "ווער דען קען העלפן אויב נישט דער קעניג? איין ווארט פון אים, קען אפשטעלן די חובות, העלפן מיט דער פרנסה, ארויסגעבן א באפעל. איך האב שוין נישט צו וועמען אנדערש זיך צו ווענדן."**

**זי** האט זיך נישט געוואלט קריגן מיט אים, אבער זי האט געוואוסט וואס יעדער פשוטער מענטש האט געוואוסט: דער קעניג איז אין פאלאץ, און צום קעניג גייט מען נישט אריין ווי צום שכן. דאך האט ר׳ יודל באשלאסן אז ער מוז כאטש פרובירן. נאך פארן זון־אויפגאנג האט ער גענומען א שטיקל ברויט, איינגעפאקט א ביסל עסן פארן וועג, פארשלאסן זיין קרעמל און זיך ארויסגעלאזט אויף דער לאנגער נסיעה צום הויפטשטאט.

**דער** וועג איז געווען שווער און אויסמוטשנד. ער איז געגאנגען אינ׳ם רעגן, איבער שמוציגע וועגן און דורך פרעמדע דערפער, אמאל צופיס און אמאל אויף א וואגן וואס האט אים מיטגענומען א שטיקל וועג. ביי נאכט איז ער געשלאפן אין א

ביליגן גאסטהויז, און נאך פארן עלות השחר האט ער זיך שוין ווידער ארויסגעלאזט.

**במשך** דעם גאנצן וועג האט איין מחשבה אים געהאלטן: **"ווען איך וועל נאר שטיין פארן קעניג, וועל איך אים אלעס דערציילן. ער וועט זען וואס גייט מיט מיר. ער וועט זיכער רחמנות האבן."** ווען ער האט ענדליך פון דערווייטנס געזען די גרויסע מויערן פון דער הויפטשטאט און די גאלדענע שפיצן פונעם פאלאץ, האט זיין הארץ אנגעהויבן שנעלער קלאפן. די מידקייט איז אים כמעט פארגעסן געווארן. ער האט געשפירט ווי די ישועה איז שוין ממש פאר אים.

**אבער** ווען ער איז אנגעקומען צום ערשטן קעניגליכן טויער, האט אים דער שומר אפגעשטעלט מיט א קאלטן בליק. **"וואו גייט איר?"** האט ער געפרעגט. **"איך וויל רעדן צום קעניג,"** האט ר' יודל געענטפערט, און זיין קול האט געציטערט פון התרגשות. דער שומר האט אים אנגעקוקט פון קאפ ביז פיס און געפרעגט: **"האסטו אן איינלאדענונג?"** ר' יודל האט געשאקלט מיטן קאפ. **"א בריוו פון א מיניסטער?"** ווידער ניין. **"א באשטעטיגטע בקשה?"** ווידער ניין.

**ר'** יודל האט פרובירט מסביר צו זיין: "איך האב א גרויסע צרה. איך בין געקומען פון גאר ווייט. איך דארף נאר איין מינוט מיטן קעניג. איין מינוט! איך וועל אים נישט אויפהאלטן." אבער דער שומר האט געהויבן די האנט און געזאגט: **"איך קען דיר נישט אריינלאזן. דאס איז דער סדר."** ר' יודל האט געבעטן, זיך מתחנן געווען, אפילו געפרעגט צי ער קען ווארטן דארט ביז עס וועט זיך מאכן א געלעגנהייט, אבער דער שומר האט אים געזאגט: **"אויב דו וועסט ווארטן דא א יאר, וועסטו אויך נישט קענען אריינגיין אן ערלויבעניש."**

**ר'** יודל איז געשטאנען פארן טויער ווי איינער וואס מען האט אים צובראכן דאס הארץ. א פאר שעה פריער האט ער זיך נאך אויסגעמאלן אין קאפ ווי ער שטייט פארן קעניג און דערציילט אים אלעס; יעצט קען ער אפילו נישט אריבערגיין דעם ערשטן טויער. **א לאנגע צייט האט ער זיך נישט געקענט ברענגען דערצו זיך אויסצודרייען.** ער האט געקוקט אויף די גרויסע מויערן, אויפן הויכן פאלאץ, און געוואוסט אז ערגעץ דארט אינעווייניג זיצט דער קעניג, אפשר נישט מער ווי עטליכע הונדערט טריט פון אים - **אבער פאר אים איז דער קעניג געווען אזוי ווייט ווי דער אנדערער עק וועלט.**

**צום** סוף האט ער זיך אויסגעדרייט און זיך ארויסגעלאזט צוריק אהיים, נאך מער צובראכן ווי ווען ער איז געקומען. די נסיעה צוריק איז געווען פיל שווערער, ווייל יעצט האט ער שוין נישט געהאט אפילו די האפענונג וואס האט אים געטריבן אויפן וועג אהין.

**עטליכע** וואכן זענען דורכגעגאנגען, און די מצב אין שטוב איז נישט געווארן גרינגער. ר' יודל האט פרובירט ארבעטן מער, פארקויפן וואס ער קען, און אויסבארגן נאך אביסל צייט, אבער דער חוב איז געהאנגען איבער אים ווי א שווארצע וואלקן.

**און** דאן, איין זומערדיגן אינדערפרי, ווען ר' יודל איז געשטאנען אין קרעמל און אויסגעפאקט א קליינע קעסטל סחורה, האט ער פלוצלינג געהערט א גרויסן גערודער אינם מארק־פלאץ. מענטשן זענען געלאפן פון איין זייט צום צווייטן, קינדער האבן זיך געיאגט צווישן די הייזער, און פון אלע זייטן האט מען געהערט איין אויסרוף: **"דער קעניג קומט! דער קעניג קומט!"** ר' יודל איז ארויסגעלאפן פון קרעמל און געכאפט ביים ארבל איינעם פון די לויפנדיגע מענטשן. **"וואס רעדסטו? וועלכער קעניג?"** יענער האט כמעט געלאכט: **"וועלכער קעניג? אונזער קעניג! ער האט פארלאזט די הויפטשטאט און פארט יעצט דורך די שטעט און דערפער פונעם לאנד. מען זאגט אז ער וועט היינט דורכפארן דעם גרויסן פעלד נעבן אונזער דארף!"**

**ר'** יודל האט געמיינט אז ער חלום'ט. דער זעלבער קעניג צו וועמען ער איז געפארן אזוי ווייט, דער זעלבער קעניג צו וועמען ער האט נישט געקענט אריבערגיין אפילו דעם ערשטן טויער, קומט יעצט אהער - צום פשוטן פעלד נעבן זיין דארף.

**ביז** עטליכע מינוט איז דער גאנצער געגנט געווען אויף די פיס. מענטשן האבן פארמאכט זייערע געשעפטן, ארבייטער האבן איבערגעלאזט די ארבעט, אלטע מענטשן זענען ארויסגעקומען מיט שטעקנס, און קינדער האבן זיך געשטעלט אויף די צעשפרייטע שטיינער כדי צו קענען בעסער זען. קיינער האט נישט געוואלט פארפאסן דעם רגע. אויך ר' יודל איז ארויסגעגאנגען, אבער ער איז נישט געלאפן ווי די אנדערע. ער איז געגאנגען שטיל, מיט א הארץ וואס האט געקלאפט אזוי שטארק אז ער האט כמעט געקענט הערן יעדן קלאפ.

**נאך** א שטיק צייט האט מען פון דערווייטנס געהערט דעם קלאנג פון פערד און דער טומל פון די קעניגליכע סוויטע. א

וואלקן שטויב האט זיך אויפגעהויבן אויפן ברייטן וועג, און צווישן די שטויביקע שטריכן האט מען געזען די קעניגליכע פאן.

**די** מענטשן האבן אנגעהויבן זיך דרוקן נענטער, יעדער איז געווען זיכער אז דער וואגן וועט דורכפארן און זיי וועלן קענען כאפן א בליק פונעם פענסטער. **אבער פלוצלינג האט זיך דער וואגן אפגעשטעלט. די טיר האט זיך געעפנט, און צום איבערראשונג פון יעדן איז דער קעניג אליין אראפגעקומען אין פעלד. נישט אין א גאלדענעם פאלאץ, נישט אויפן הויכן שטיל, נישט באהאלטן הינטער שורות פון באאמטע, נאר ממש אויף דער זעלבער ערד ווי די פשוטע מענטשן. דער שטויב פונעם פעלד איז געווען אונטער זיינע פיס, די זון האט געשיינט אויף זיין פנים, און אויף זיינע ליפן האט גערוהט א ווארעמער שמייכל.**

**אין** יענעם רגע האט זיך געטוישט די גאנצע אטמאספערע. די מענטשן האבן קודם מורא געהאט זיך צו דערנענטערן, אבער דער קעניג האט אליין געוויזן מיט דער האנט אז מען זאל קומען נענטער. א קליין קינד איז צום ערשטן צוגעגאנגען, און דער קעניג האט זיך אראפגעבויגן צו אים און געהערט וואס ער זאגט. נאכדעם איז געקומען אן אלטער פויער וואס האט געהאט א פראבלעם מיט זיין פעלד, און דער קעניג האט אים אויסגעהערט מיט געדולד. נאך איינער איז געקומען מיט א בקשה פאר זיין משפחה, נאך איינער מיט א טענה אויף א באאמטן, און דער קעניג האט יעדן איינעם אויפגענומען מיט דער זעלבער סבר פנים יפות. ער האט נישט געפרעגט ווער איז חשובער, ווער איז רייכער, ווער האט קשרים און ווער נישט. ער האט נישט פארלאנגט קיין פאפירן און קיין בריוו. דאס פעלד האט נישט געהאט קיין אייזערנע טויערן, און צווישן דעם קעניג און דעם פשוטן מענטש איז נישט געשטאנען קיין וואנט.

**ר׳ יודל איז געשטאנען אביסל ווייט און כמעט זיך נישט געקענט רירן. אין זיין קאפ האט זיך איבערגעשפילט דער בילד פונעם פאלאץ, פונעם שומר, פונעם פארמאכטן טויער און פון די ווערטער: "דו קענסט נישט אריינקומען."** און יעצט האט ער געזען ווי א פשוטער מענטש, נאך פשוטער פון אים, גייט צום קעניג און רעדט מיט אים.

**איינער** נעבן אים האט געגעבן א קליינעם שטופ און געזאגט: "ר׳ יודל, וואס שטייסטו? גיי! יעצט קען יעדער גיין." די ווערטער האבן אים געכאפט אין הארץ: יעצט קען יעדער גיין. ר׳ יודל האט גענומען איין טריט, נאכדעם נאך איינס, און מיט יעדן טריט האט ער געשפירט ווי דער מורא און די שעמעוודיקייט שלאגן זיך אין אים מיט דער האפענונג. **ווען ער איז שוין געשטאנען ממש נאנט, האט דער קעניג זיך אויסגעדרייט צו אים, געקוקט אויף אים מיט א לייכטן שמייכל און געפרעגט: "וואס ליגט דיר אויפן הארץ?"**

**דאס** איז געווען אלעס וואס ר׳ יודל האט געדארפט הערן. אין איין רגע האבן זיך צעשמעלצט אלע וואכן פון אנגעצויגנקייט, פחד, חובות און זארגן. ער האט אויסגעבראכן אין א געוויין, נישט ווייל ער האט זיך דאס געפלאנט, נאר ווייל זיין הארץ האט שוין נישט געקענט האלטן מער זיין צער. **"מיין קעניג," האט ער געזאגט צווישן די טרערן, "איך בין שוין אמאל געקומען צו אייך. איך בין געפארן טעג ביז דער הויפטשטאט. איך בין געשטאנען פארן טויער און געבעטן מען זאל מיר אריינלאזן, אבער מען האט מיר נישט געלאזט אפילו אריבערגיין דעם ערשטן שומר." דער קעניג האט אים אנגעקוקט מיט א ווארעמען בליק און געענטפערט: "אין פאלאץ איז דא אן אנדער סדר. אבער יעצט בין איך געקומען צו דיר. זאג מיר אלעס."**

**און** ר׳ יודל האט טאקע אלעס דערציילט. ער האט דערציילט וועגן זיין קרעמל, וועגן דעם קונה וואס איז אנטלאפן, וועגן די חובות, וועגן זיין בעל־הבית, וועגן די קינדער, וועגן די נעכט ווען ער און זיין ווייב זענען געזעסן ביים טיש און נישט געוואוסט וואס וועט זיין מארגן. און דער קעניג האט נישט בלויז געהערט די ווערטער - ער האט אים אויסגעהערט. מיט א סבר פנים יפות, מיט א פרייליך פנים, כאילו צווישן אלע ענינים פונעם ריזיגן מלוכה איז יעצט נישט געווען קיין וויכטיגערע זאך ווי די צרה פון דעם פשוטן ר׳ יודל.

**ווען** ער האט געענדיגט, האט דער קעניג גערופן איינעם פון זיינע באאמטע און געזאגט: **"שרייב אפ זיין נאמען און זעה אז מען זאל אים העלפן."** ר׳ יודל האט געמיינט אז ער הערט נישט גוט. מיט טרערן אין די אויגן האט ער זיך געבויגן פארן קעניג, און ווען ער איז צוריקגעגאנגען, האט ער זיך נאכאמאל און נאכאמאל אויסגעדרייט. ער האט געוואלט אריינגעמען אין זיך דעם בילד: **דער קעניג שטייט אינמיטן פעלד, צווישן די פשוטע מענטשן, און יעדן איינער קען אנקומען.**

**און** דאס איז דער גרויסער און הייליגער משל פון **חודש אלול.** דורכאויס דעם גאנצן יאר איז נישט אזוי פשוט זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן אויף א הויכן אופן. א מענטש וואס וויל עולה זיין בהר ה', זיך אויפהייבן העכער פון זיין געוועגליכן מצב און זוכה זיין צו א טיפער דביקות אין השי"ת, דארף ארבעטן אויף זיך, זיך מזכך זיין, מקדש זיין זיין גוף און זיין נפש, אסאך לערנען תורה, דאווענען מיט כוונה, אויסרייניגן זיינע מידות און שטייגן פון מדריגה צו מדריגה. עס פאדערט עבודה, יגיעה און א לאנגן וועג.

**אין** דעם זין איז דער אייבערשטער, כביכול, ווי א קעניג וואס געפינט זיך אינעווייניג אין זיין קעניגליכן פאלאץ; **דער קעניג איז טאקע דארט, און יעדער ווייסט פון אים, אבער נישט יעדער קען סתם אזוי אריינגיין. מען דארף דורכגיין טויערן און מחיצות, מען דארף זיין ראוי, און נאר ווער עס גרייט זיך צו און דערגרייכט א געוויסע מדריגה קען זוכה זיין צו שטיין נענטער צום קעניג.**

**אבער** ווען עס קומט חודש אלול, ווערט אלעס אנדערש. **דער קעניג קומט ארויס פון פאלאץ. ער גייט ארויס אין פעלד, דארט וואו די פשוטע מענטשן געפינען זיך אינמיטן זייער טאג־טעגליכן לעבן.** דער אייבערשטער קומט, כביכול, נענטער צו יעדן איד אין דעם מצב אין וועלכן ער געפינט זיך יעצט. נישט נאכדעם וואס דער מענטש איז שוין געווארן אויסגעלייטערט, נישט נאכדעם וואס ער האט שוין דערגרייכט גרויסע מדריגות, און נישט נאכדעם וואס ער האט שוין אפגערוימט אלע זיינע חסרונות. פונקט ווי ער שטייט יעצט - מיט זיינע שוועריגקייטן, מיט זיינע נסיונות, מיט זיינע דורכפעלער, און אפילו מיט דעם שטויב פון דעם "פעלד" וואס קלעבט נאך צו אים - אזוי קען ער ארויסגיין אנטקעגן דעם קעניג. **אין אלול נעמט דער אייבערשטער אוועק, כביכול, די מחיצות און די שטערונגען, און ער געבט פאר יעדן איינציגן איד די מעגליכקייט זיך צו דערנענטערן, זיך צוריקצוקערן, און זיך אנקניפן צו אים מיט א נייער און טיפער קשר.**

**און** נאך מער: דער קעניג איז נישט בלויז דא און לאזט מענטשן זיך דערנענטערן צו אים, **נאר ער נעמט אויף יעדן איינעם בסבר פנים יפות ובפנים שוחקות. ער ווייזט א ליכטיגע, פרייליכע פנים פאר יעדן וואס קומט. ער זאגט נישט: "פארוואס ביסטו נישט געקומען פריער?" ער פרעגט נישט: "וואו ביסטו געווען דעם גאנצן יאר?" נאר ער נעמט אויף דעם איד מיט ליבשאפט און רחמנות, און כאילו זאגט ער צו אים: "קום נענטער. איך וויל דיר. איךווארט אויף דיר." דאס איז דער געוואלדיגער חסד פון אלול.**

**דער** מענטש דארף נישט קודם ווערן א צדיק כדי ער זאל קענען צוריקקומען צום אייבערשטן; פונקט פארקערט, דער אייבערשטער קומט אים אנטקעגן כדי ער זאל קענען אנהייבן צוריקקומען. דער מלך קומט צו אים אין פעלד און מאכט דעם וועג גרינגער, נענטער און אפענער.

**דערפאר** איז חודש אלול א זמן וואס דארף אויפוועקן אין א איד נישט נאר מורא און ערנסטקייט, נאר אויך א גרויסע שמחה. ווען א מענטש ווייסט אז דער קעניג איז געקומען אזוי נאנט צו אים, אז אלע טויערן זענען אפן און אז דער אייבערשטער שטייט, כביכול, מיט א שמייכל און ווארט אז ער זאל זיך נאר דערנענטערן - ווי קען מען נישט זיין פרייליך?

**אוודאי** איז אלול א צייט פון חשבון הנפש, פון תשובה, פון קבלות טובות און פון צוגרייטונג צו די ימים נוראים; אבער דאס אלעס דארף זיין דורכגענומען מיט א טיפע שמחה. נישט א תשובה פון יאוש און צעבראכנקייט, נאר א תשובה וואס קומט פון דער געוואלדיגער הכרה: **דער אייבערשטער וויל מיר נענטער האבן. דער קעניג איז ארויסגעקומען אנטקעגן מיר.**

**פון** אונז פאדערט מען אין די טעג למעשה בלויז איין זאך: **גיי ארויס אנטקעגן דעם קעניג.** נוץ אויס דעם הייליגן זמן. ווען דאס הארץ ווערט אביסל אויפגעוועקט, לאז דעם התעוררות נישט פארבייגיין. זאג נאך א קאפיטל תהלים, לערן נאך אביסל תורה, געב מער אכטונג אויף דיין דאווענען, פארבעסער א מידה, מאך שלום מיט איינעם, נעם זיך פאר א קליינע קבלה טובה וואס וועט דיך ברענגען נענטער צום אייבערשטן.

**א** מענטש קען טראכטן: "וואס וועט שוין אויסמאכן מיין קליינע קבלה?" אבער ווען דער קעניג שטייט אין פעלד, איז אפילו איין קליינער טריט צום קעניג גאר טייער. **דער עיקר איז נישט צו שטיין פון דערווייטנס און נאר וויסן אז דער קעניג איז דא; מען דארף ארויסגיין אים אנטקעגן גיין. ווי דער פסוק זאגט: "שובו אלי ואשובה אליכם" - קערט**

**אייך צוריק צו מיר, און איך וועל זיך צוריקקערן צו אייך.**

**מיט** דעם יסוד ערקלערט דער הייליגע בעל התניא אויף א טיפע פראגע. אין חודש אלול שיינען די הייליגע **י"ג מידות הרחמים**, די דרייצן מידות פון רחמנות, וועלכע זענען א געוואלדיגע התגלות אלוקית. די זעלבע י"ג מידות הרחמים שיינען מיט א גרויסן אור אין יום הקדוש, יום כיפור. אויב אזוי, קען מען פרעגן: פארוואס איז יום כיפור דער הייליגסטער טאג פון יאר, א טאג וואס איז אפגעטיילט פון די געווענליכע טעג מיט פאסטן, תפילה און קדושה, בשעת חודש אלול בלייבט לכאורה א פשוטער חודש פון ימות החול? פארוואס זענען די טעג פון אלול נישט געמאכט געווארן ימים טובים, אויב דער גרויסער אור פון י"ג מידות הרחמים שיינט דעמאלט?

**דער** ענטפער ליגט טאקע אינעם משל. יום כיפור איז דער מצב פון "**המלך בהיכלו**" - דער קעניג איז אין זיין היכל. **כדי אריינצוגיין צום קעניג דארט, גרייטן מיר זיך צו. מיר עסן נישט און טרינקען נישט, מיר זענען אנגעטון ווי מלאכים, מיר שטייען שעה'ן לאנג אין תפילה, מיר זאגן וידוי, מיר טוען תשובה, און דער גאנצער טאג איז אויסגעטיילט און אפגעשיידט פון אלע ענינים פון עולם הזה.** דער מענטש הייבט זיך אויף פון זיין געווענליכן מצב און גייט, כביכול, אריין אינעם קעניגליכן פאלאץ. דערפאר איז יום כיפור א יום טוב און א הייליגער טאג וואס שטייט אינגאנצן העכער פון די געווענליכע ימות החול.

**אלול** איז אבער פונקט דער פארקערטער חידוש. אין אלול דארפן מיר נישט קודם פארלאזן דעם "פעלד" כדי צו טרעפן דעם קעניג; דער קעניג קומט צו אונז אין פעלד. מיר קענען שטיין אינמיטן א געווענליכן וואכנטאג, אינמיטן ארבעט, געשעפט, שטוב, קינדער און טאג־טעגליכע דאגות, און פונקט דארט קומט דער אייבערשטער אונז אנטקעגן.

**דאס** איז נישט א חסרון פון אלול אז די טעג זענען ימות החול; דאס איז גאר די מעלה פון אלול. די התגלות איז אזוי גרויס, אז דער אייבערשטער קומט אריין אין אונזער פשוטן מצב און גיט אונז דא די מעגליכקייט זיך צו דערנענטערן צו אים. **דער קעניג וויל נישט אז מיר זאלן שוין זיין אין פאלאץ; ער קומט אונז טרעפן דארט וואו מיר זענען.**

**ווען** א איד טראכט אריין אין דעם געדאנק, באקומט חודש אלול א גאנץ אנדערן פנים. יעדן אינדערפרי ווען מען שטייט אויף, קען מען זיך דערמאנען: **היינט איז דער קעניג דא לעבן מיר.** היינט איז נאך א טאג ווען דער אייבערשטער איז ספעציעל נאנט. היינט קען איך נעמען נאך איין טריט. היינט קען איך עפענען מיין הארץ און זאגן: **"רבונו של עולם, איך וויל קומען נענטער."** מען דארף נישט ווארטן אויף ראש השנה, יעצט איז די צייט. יעצט זענען די טויערן אפן. און יעצט ווייזט דער קעניג א פריינטליכע פנים.

**אבער דער זמן גייט פארביי. דער קעניג בלייבט נישט אייביג אין פעלד. ווען עס קומט ראש השנה, גייט דער קעניג צוריק, כביכול, אין זיין פאלאץ און דער עולם קרוינט אים נאכאמאל אלס מלך. דערפאר זענען די טעג פון אלול אזוי טייער. יעדן טאג וואס גייט פארביי איז נאך א טייערע געלעגנהייט וואס מען קען קיינמאל נישט צוריקברענגען.**

**לאמיר** דעריבער נישט בלייבן שטיין פון דערווייטנס. לאמיר ארויסגיין אנטקעגן דעם קעניג מיט שמחה, מיט אהבה, מיט תשובה און מיט א ריינע רצון צו ווערן נענטער צום אייבערשטן. און ווען מיר וועלן נעמען אפילו א קליינעם טריט צו אים, וועט ער זיכער קומען נאך פיל מער אנטקעגן אונז, אונז אויפנעמען בסבר פנים יפות ובפנים שוחקות, **און אונז אלע צוגרייטן צו א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.**

**מקור: לקוטי תורה, פרשת ראה, לב ע"א.**

כל הזכויות שמורות
למכון א משל זיך צו לערנען
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע במייל,
musheltolearn@gmail.com